בס"ד

שלח תשפ"א

גליון 45

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיה"ר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

**אַ גוטן שַבָּת פאַר אַלע לעכטיגע קינדער.**

די וואָך רעדט די תּוֹרָה פון די הייליגע מִצְוַת "צִיצִית", אין פָּסוּק שְׁטֵייט: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת, עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם לְדֹרֹתָם וְנָתְנוּ עַל צִיצִת הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת (בְּמִדְבָּר טו, לח)".

די הייליגע מִצְוָה צִיצִית ווערט אַזוי ווי אַלע מִצְוֹות פון די הייליגע תּוֹרָה. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי זאָגט: "ווער עס איז געוואָרנט אין מִצְוֹות צִיצִית, איז זוֹכֶה צו מְקַבֵּל זיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה". די גְמָרָא זאָגט דאָרט ווייטער אַז דער אויבערשטער האָט אונז זייער ליב דערפאַר האָט ער אונז אַרומגענומען מיט אַסאַך מִצְוֹות, צִיצִית אויף די קליידער און מְזוּזָה אויף די טיר, תְּפִלִּין אויפן קאָפּ (מְנָחוֹת מג:).

דער הייליגער רַבִּי (תּוֹרָה ז') איז אונז מְגַלֶּה די גרויסקייט פון מִצְוַת צִיצִית אַז דאָס היט אָפּ יעדן איד פונעם יֵצֶר הָרָע און פון זיינע שלעכטע עֵצוֹת.

יאָ, מיט די פּשוּטע צִיצִית וואָס קאָסט קליין געלט קען מען זיך שטאַרקן קעגן זייער גרויסע נִסְיוֹנוֹת און ווערן נאָענט צום צַדִּיק און גיין אין זיינע עֵצוֹת.

די גְמָרָא פאַרציילט (שָׁם) אַ מַעֲשֶׂה פון אַ איד וואָס איז געווען זייער זָהִיר אין מִצְוֹות צִיצִית און ליידער האָט ער געוואָלט טון אַ גרויסע עֲבֵרָה, די לעצטע מִינוּט האָבן זיינע צִיצִית'לעך זיך אויפגעהויבן... און אים געגעבן אַ פּאַטש אין פָּנִים! און ער האָט זיך געשטאַרקט און נישט געטון די עֲבֵרָה.

ער האָט זיך דאַן אָנגערופן: "איך האָב אויף מיר אַ מִצְוָה וואָס דער הייליגער באַשעפער האָט אונז באַפוילן. דאָס איז די מִצְוָה פון "צִיצִית", עס ווערט דערמאַנט אין פָּרָשַׁת צִיצִית צוויי מאָל דעם אויבערשטנ'ס נאָמען אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם, איינמאָל אויף צו געבן אַ שטראָף ווער עס האַלט איר נישט איין און

איינמאָל צו באַצאָלן אַ שְׂכַר פאַר ווער עס טוט יאָ די מִצְוָה. צום סוֹף האָט דער איד נאָך באַקומען אויף דער וועלט אַ גרויסן שְׂכַר."

ר' נָתָן שרייבט אין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (צִיצִית ג') אַז דער אָנְהֵייב עֲבוֹדָה וואָס אַ איד דאַרף טון יעדן טאָג, איז מִצְוֹות צִיצִית, אַזוי אויך ווען מען איז מְחַנֵּךְ אַ קליין קינד, איז דאָס ערשטע זאַך טוט מען אים אָן אַ צִיצִית פאַר אַנדערע מִצְוֹות מַעֲשִׂיּוֹת. ר' נָתָן איז מַסְבִּיר אַז ווען מען האַלט די צִיצִית אין האַנט כאַפּט מען זיך אָן אין כִּסֵּא הַכָּבוֹד פון הייליגן באַשעפער! און דאָס גיבט כֹּחַ פאַרן אינגעלע אַוועקצושטופּן דעם יֵצֶר הָרָע ער זאָל אים נישט קענען איינרעדן צו טון נאַרישקייטן און עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם.

אין קִצּוּר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן שטייט אַז צִיצִית איז אַ שְׁמִירָה פאַר די אויגן, עס היט אָפּ דער מענטש פון שלעכטע עֵצוֹת און מען איז זוֹכֶה צו גוטע עֵצוֹת פון די אֱמֶת'ע צַדִּיקִים, דערפאַר דאַרף מען זיין נִזְהָר אין מִצְוַת צִיצִית, מען דאַרף אינזין האָבן בְּשַׁעַתְ'ן אָנְטוּן אַז מען זאָל זוֹכֶה זיין צו זיין אַ ריינער אינגל מיט הייליגע אויגן.



דורך מִצְוַת צִיצִית קען מען זוֹכֶה זיין צו אֱמוּנָה, צו אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און צו מְקָרֵב זיין די גְאוּלָה, און צו מאַכן נִסִּים און מוֹפְתִים! קינדער מען אויך זוֹכֶה זיין צו פַּרְנָסָה צו האָבן אַלע גוטע זאַכן בְּשֶׁפַע דורך די הייליגע מִצְוָה, ווייל די פַּרְנָסָה פונעם מענטש ווענדט זיך ווי ריין דער מענטש איז בְּרוּחָנִיּוֹת. נאָך גאָר אַ געשמאַקע זאַך קען מען זוֹכֶה זיין, צו אֱמֶת! אַז מיר זאָלן נישט אַרויסזאָגן קיין שֶׁקֶר פון מויל. און וואָס נאָך? "אַז וואו און וואָס דו וועסט לערנען וועסטו גוט פאַרשטיין דאָס לערנען", עס וועט זיך דיר עפענען אַלע חָכְמוֹת פון די תּוֹרָה אַזוי ווי אַ שֻׁלְחָן

המשך אויף זייט 4

# דער הייליגער רבי



יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן קֶען דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע מַתָּנוֹת פַארְן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ: **"אִיךְ בִּין אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוער עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ מִיר קֶען זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן מִיט דִי טַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת".**

נִישְׁט אַלֶעמָאל אִיז דָאס מַתָּנוֹת וָואס מֶען קֶען מַמָּשׁ אָנְטַאפְּן, אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס אִין דִי פְּנִימִיּוֹת פוּן דֶער מֶענְטְשׁ, לְמָשָׁל אֵיינֶער אִיז גֶעוָוארְן מֶער מְיוּשָּׁבְ'דִיג אוּן רוּאִיגֶער, אַ צְוֵוייטֶער הָאט בַּאקוּמֶען הֶעכֶערֶע רְצוֹנוֹת אוּן אַן עֶרְלֶעכְקַייט, אַן אַנְדֶערֶער בַּאקוּמְט פְרֵיילִיכְקַייט, אָדֶער אִיז מֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן נִישְׁט אַ גוּטֶע הַנְהָגָה אִין לֶעבְּן, אָדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען עֶרְנְסְטֶער צוּם לֶערְנֶען וָואס דָאס הָאט אִים אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט פוּן פְרִיעֶר, אוּן דָאס גְלֵייכְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר רֶבִּי'ן! וָואס דָאס אִיז יֶעדֶע מָאל גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ גַאנְצֶע סִיפּוּר אַרוּם דֶעם, אָבֶער דֶער רֶבִּי אִיז קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: **"מִיטְן בַּאקוּמֶען גֶעבּ אִיךְ"**, דָאס הֵייסְט וֶוען אֵיינֶער גִיבְּט פַארְן רֶבִּי'ן עֶפֶּעס, נִישְׁט נָאר עֶר דֶערְלֵייגְט נִישְׁט, נָאר עֶר בַּאקוּמְט דֶערְפוּן פִיל מֶער צוּרִיק וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין אִין מֹחַ. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: **"בַּיי מִיר הָאט קֵיינֶער נִישְׁט דֶערְלֵייגְט"**, דָאס מֵיינְט וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן עִנְיָן פוּן דֶער רֶבִּי, אָדֶער גֶעגֶעבְּן צְדָקָה פַאר זַיין זַאךְ וֶועט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן, נָאר עַל פִּי רוֹב זֶעהְט מֶען אַז זֵיי הָאבְּן גָאר פַארְדִינֶען זֵייעֶר פִיל.

דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן אִיז דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד ר' נָתָן זַ"ל. אִין זַיין אָנְהֵייבּ הַהִתְקָרְבוּת אִיז ר' נָתָן גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, חוּץ פוּן דִי יִסּוּרִים וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בְּרוּחָנִיּוֹת אוּן זַיין צָרוֹת הַנֶּפֶשׁ, אִיז עֶר אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, עֶר מִיט זַיין רֶעבֶּעצִין הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, כָאטְשׁ ר' נָתָן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל צַייט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט זִיךְ מִתְבַּטֵּל גֶעוֶוען פַאר אִים הָאט עֶר קַיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט וֶועגְן זַיין צַעַר וָואס דְרִיקְט אִים בַּיים הַארְצְן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן אַז "עִיקָּר תּוֹלְדוֹתֵיהֶם שֶׁל צַדִּיקִים תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים" דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ ר' נָתָן גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי'ן וֶועגְן דֶעם, דָאךְ פְלֶעגְט ר' נָתָן דֶערְצֵיילְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְן רֶבִּי'ן, אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים, יֶעדְן מָאל וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי'ן. אִיז אוֹיךְ דֶער וֵוייטָאג אִין דִי נוֹשֵׂא אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען פוּן צְוִוישְׁן דִי וֶוערְטֶער, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' נָתָן: עֶס אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְן דַעַת דַיין צַעַר גִּדּוּל בָּנִים, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיף דֶעם וֶועסְטוּ מִיר דַארְפְן עֶפֶּעס גֶעבְּן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף דִי הִתְקָרְבוּת וָואס אִיךְ רֶעדְט מִיט דִיר וֶועגְן עֲבוֹדַת ה', וַוייל אוֹיף דֶעם דַארְף אִיךְ דִיר גֶעבְּן", נָאר פַאר דִי בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ מִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן פַאר אַ פִּדְיוֹן.

ר' נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוּן גֶעזָאגְט אַז וִויבַּאלְד עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ צוּ בְּרֶענְגֶען פַארְן רֶבִּי'ן בֶּענְקְלֶעךְ פַאר אַ מַתָּנָה וֶועט עֶר דָאס יֶעצְט בְּרֶענְגֶען, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן. ר' נָתָן הָאט גֶעשָׁאנְקֶען פַארְן רֶבִּי'ן זֶעקְס בֶּענְקְלֶעךְ אַ מַתָּנָה, אוּן אִיז מִיט דִי צַייט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט זֶעקְס לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, פִּינֶעף אִינְגְלֶעךְ אוּן אֵיין מֵיידְל.

אַזוֹי אִיז ר' נָתָן גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן בָּרוּךְ ה', מִיטְן שֶׁענְקֶען אַ מַתָּנָה פַארְן רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה וָואס אִיז וֶוערְד מֶער וִוי אַלֶע מַתָּנוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אוּן קֵיינֶער חוּץ פוּן בַּאשֶׁעפֶער קֶען דָאס נִישְׁט גֶעבְּן. יָארְן אַרוּם הָאט ר' נָתָן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: "וֶוען אִיךְ וֵוייס אַז וִויפִיל בֶּענְקְלֶעךְ אִיךְ גִיבּ דֶעם רֶבִּי'ן אַ מַתָּנָה וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזוֹי פִיל קִינְדֶער, וָואלְט אִיךְ גֶעשָׁאנְקֶען פַארְן רֶבִּי'ן צְוֶועלֶעף בֶּענְקְלֶעךְ....

נָאךְ אַ מַתָּנָה אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט בַּאקוּמֶען פוּן זַיין חָסִיד אִיז דִי בֶּענְקְל פוּן רֶבִּי'ן. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶקְסְטֶערֶע שֵׁיינֶע בֶּענְקְל וָואס מֶען קֶען עֶס מֶער אָנְרוּפְן אַ שְׁטוּל, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ רַייכֶע שֵׁיינֶע בֶּענְקְל אוּן אִין

דעם אײַנגעקריצט און אויסגעמאָלן שײנע עקסטערע צורות ממש מעשה אומן. דער שוחט פון טעפּליק האָט דאָס געברענגט פאַרן רבי'ן פאַר אַ מתנה, ווען דער רבי האָט געזען דעם בענקל האָט ער אים געפרעגט וויפיל צייט האָסטו געאַרבעט אויף דעם? האָט ער געענטפערט: "יעדן טאָג אַ שעה במשך אַ האַלבע יאָר", האָט דער רבי אים געזאָגט: "אַזוי? האָסטו מיר אין זינען געהאַט אַ האַלב יאָר יעדן טאָג?!" דאָס האָט געהאַט ביים רבי'ן אַ גרויס חשיבות.

ווען דער רבי האָט באַקומען די מתנה דעם בענקל אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט ער דערציילט אַ שרעקליכע מראה וואָס ער האָט געזען, דאָס ווערט געברענגט אין חיי מוהר"ן באריכות.

איינע פון דעם רבי'נס בענקלעך – רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל פאַרציילט אַז עס איז די בענקל פון שטאָט טשעהרין - האָט זיך אַסאַך געוואַלגערט צווישן די חסידים וואָס האָבן דאָס אויסבאַהאַלטן, און געהאַלטן זייער טייער, נאָך אַסאַך יאָרן האָט מען זוכה געווען צו ברענגען די בענקל קיין ארץ ישראל. עס איז געווען אינגאַנצן צונומען אויף חלקים, מען האָט דאָס איבערגעגעבן פאַר אַ סטאָלער אַ מומחה, וואָס האָט דאָס ממש באַנייט און אויפגעשטעלט, מען האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אין ברסלב'ער שול, מאה שערים, דאָרט ליגט עס נאָך ביז היינט, מען ניצט עס פאַר אַ כסא של אליהו הנביא ביי די ברית'ן, זיכער האָבן שוין אַסאַך קינדער דאָס געזען.

אויך איז באַוואוסט אַז דער צדיק ר' משה מרדכי לעלוב'ער זצ"ל פלעגט אַסאַך יאָרן אַראָפּקומען תשעה באָב אין שול אין מאה שערים זיך אַנצוזעצן אויף דעם רבי'נס בענקל אַפּאָר מינוט.

**לכבוד די חשובע קינדער פון דעם רבי'נס ליכט**

ברוך ה' מיט גרויס פרייד און דאַנק צום אויבערשטן גרייט איך זיך אַרויסצופאָרן צו מיין זיידע און באַבע, נאָך אַלע תפילות וואָס איך האָב געמאַכט און געגלייבט אַז דער אויבערשטער הערט אויס מיינע בקשות, איז בעזרת השם מקוים געוואָרן מיין חלום וואָס האָט נישט אויסגעזען מעגליך בכלל.

אָבער אַזוי ווי ענק האָבן שוין מיטגעהאַלטן פאָריגע וואָך, אַז מיין טאַטע האָט געזאָגט אַז איך קען נישט פאָרן, דאַן האָב איך געשריבן די בריוו פאַר'ן ליכט, אַז איך גלייב אַז דאָס אַליין אַז איך בין געוואַקסן אין תפילה אפילו איך קען נישט פאָרן האָט זיך שוין אַלעס געלוינט..

צוויי שעה נאָכן ענדיגן שרייבן דעם בריוו, האָט מיין טאַטע מיר געלאָזט וויסן אַז אין די לאַנד וואו אונז דאַרפן פאָרן איז יעצט אַרויסגעקומען אַ נייע געזעץ אַז קען מען - אין די קומענדיגע זעקס



חדשים - אַריינקומען מיט אַן אָפּגעלאָפענעם פּאַספּאָרט!

יאָ דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז די גרויסע קאָרפּן קעפ זאָלן אַרויסגעבן אַזאַ געזעץ אַז מיינע תפילות זאָלן נישט גיין לריק!

שוין, מען דאַרף אַריינלייגן די רענצלעך אין טעקסי צו פאָרן צום לופטפעלד, אַ גרינגע און ריינע נסיעה.

אַ גרויסן יישר כח פאַר די הערליכע גליון!

יענקי

# לאמיר זיך פארהערן ??

## בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צווייטע מעשה (1)
## פון דער מלך און דער קיסר

**א. האבן דער מלך און דער קיסר געהאט קינדער?**
- ❑ דער מלך האט געהאט קינדער און דער קיסר נישט
- ❑ דער קיסר האט געהאט קינדער און דער מלך נישט
- ❑ביידע האבן נישט געהאט קינדער

**ב. וואו האבן זיך געטראפן דער מלך און דער קיסר?**
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם מלך
- ❑ אין דעם קענעגליכע פאלאץ פון דעם קיסר
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)

**ג. האבן זיי געוואוסט איינער פון דעם אנדערן?**
- ❑ יא
- ❑ ניין.
- ❑ נאר דער קעניג האט געוואוסט פון דעם קיסר .

**ד. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז אויב זיי וועלן האבן איינער א זון און איינער א טאכטער וועלן זיי זיך משדך זיין
- ❑ אז עס וועט זיין שלום צווישן זייערע מדינות
- ❑ אז זיי וועלן ווערן איין מדינה מיט איין קעניג

**ה. וואו האבן זיך געטראפן דער זון פון מלך און די טאכטער פון קיסר?**
- ❑ אין איין גאסטהויז (הארבעריג)
- ❑ זיי האבן געוואוינט בשכנות.
- ❑ ביי איין מלמד

**ו. וואס האבן זיי צווישן זיך אפגעמאכט?**
- ❑ אז זיי וועלן זיך קיינמאל נישט קריגן
- ❑ אז זיי וועלן חתונה האבן
- ❑ אז זייערע קינדער וועלן זיך משדך זיין

**ז. פארוואס האט די בת קיסר נישט געוואלט קיין שום שידוך?**
- ❑ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן קעניג
- ❑ ווייל זי האט געוואלט נאר דער זון פון דעם גרעסטן עושר
- ❑ וועגן די התקשרות מיט דעם בן מלך

**ח. מיט וואס זענען געפארן דער בן המלך און די בת הקיסר?**
- ❑ מיט א פערד און וואגן
- ❑ אויף איר טאטעס שיף
- ❑ זיי האבן זיך געדונגען א שיף

**ט. וואו האט די בת הקיסר פארגעסן דאס פינגערל (רינגל)?**
- ❑ אין איר שטוב פאר זי איז ארויס
- ❑ אויפ'ן שיף
- ❑ אין וואלד וואו זי איז געשלאפן

**י. ווער האט געטראפן די פינגערל (רינגל)?**
- ❑ דער בן המלך
- ❑ די בת הקיסר
- ❑ קיינער נישט

**יא. וואס האט פאסירט צו דער בן המלך און די בת קיסר?**
- ❑ זיי זענען ווייטער געגאנגען
- ❑ זיי האבן צוזאמען פארבלאנדזעט
- ❑ זיי האבן פארבלאנדזעט יעדער באזונדער

**יב. וואס איז דער בן המלך נאכדעם געווארן?**
- ❑ א מלך
- ❑ א יעדניראל
- ❑ א משרת

**יג. וואס האט דער אלטער סוחר געגעבן פאר זיין זון?**
- ❑ געלד, גענוג פאר זיין גאנצע לעבן
- ❑ א שיף מיט סחורה
- ❑ אסאך בנינים

**יד. וואס האט דער סוחר געבעטן פון די בת קיסר וואס איז געווען אויפ'ן בוים?**
- ❑ אז זי זאל אראפ גיין
- ❑ אז זי זאל בלייבן אויבן
- ❑ אז זי זאל אים ווייזן די וועג

**טו. וואס האט די בת קיסר געטון ווען דער סוחר איז געגאנגען צו זיין טאטע?**
- ❑ זי האט געגעבן פון די וויין פאר די מאטראסן
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף פון דעם בארטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער סוחר געטון פאר זיין זון ווען ער האט געזען אז די שיף איז נישט דא?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א אנדערע שיף
- ❑ ער האט געשריגן אויף אים
- ❑ ער האט אים פארטריבן פון זיין שטוב



צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל,

**02-5-3333-72**

***נייער נומער***

**518-329-9149**

צו הערן דער געווינער דרוק נומער 4

צו מנדב זיין פאר דער גליון לכבוד א שמחה / לע"נ ביטע זיך פארבינדן אויפן טעלעפאן

**058-323-3287**

המשך פון זייט 1

## דער ריינער קוואל

**עָרוּךְ - אַ גְרֵייטֶע טִישׁ!.**

לָאמִיר טַייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה, מִיר וֶועלְן דָאס הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן גֵיין מִיט דִי צִיצִית אִינְדְרוֹיסְן, דִי צִיצִית זָאל אַלֶעמָאל זַיין רֵיין אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא חָשׁוּבֶ'ע מִצְוָה אוּן אָבְּאַכְט גֶעבְּן אַז דִי צִיצִית זָאלְן זַיין אַלֶעמָאל כָּשֵׁר.

מִיר וֶועלְן טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אַז דִי מִצְוָה וֶועט אוּנְז שִׁיצְן אוּן הִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי אַ אָדְלֶער שִׁיצְט אוֹיף זַיינֶע קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶעך, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אָנְכַאפְּן אַלֶע פִּיר - צִיצִית - עֶקְן פוּן דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיסְשָׁאקְלֶען אַלֶע רְשָׁעִים, אוּן מִיר וֶועלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּם אָנְקוּם פוּן מְשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

